שירת קנטוקי

Syllabatonic
each line has same # syllables

י. י. שווארץ

each accented in same place
rigidly metrical

השכנים

אין אנהייב איז דער ייד געווען א וואונדער;
ס'איז שווער געווען באגרייפן זיינע דרכים,
זיין פרעמדן הילוך און זיין פרעמדן לשון,
פון יעדן ריר זיינס האט ארויסגעשריגן פרעמדס
און זיך געווארפן אין די פרעמדע אויגן.
און אז מען האט זיך צוגעוווינט א ביסל,
און ס'איז אוועק די ערשטע ניט פארטרויעלעכקייט,
איז מען געווארן ריידעוודיקער, נענטער.
און זע — א וואונדער! ער פארשטייט דאך אלץ

און ווייס פון אלץ וואס קומט-פאר ארום,
און האט אויף אלץ א גוטמוטיק און פאסיק ווערטל,
וואס איז צו גלייכער צייט אי פרעמד, אי אייגן.
א מענטש ווי אלע מענטשן. ארבעט טאג ווי נאכט
און זאמלט אלטע אייזנס, ביין און קאדער[15].
פארקערט, ער גיט נאך מענטשן צו פארדינען.
וואס דען? ס'איז זיי געווען קשהדיק:
ווי ארבעט דאס א מענטש אין זונטיקדיקן טאג?
און איין מאל אין א פיינעם, שיינעם טאג
איז אנגעקומען אויפן הויף דער פאסטאר,
די הענט פארלייגט אויף הינטן, שמייכלענדיק,
געזאגט דעם יידן א גוט ווארט, זיך נאכגעפרעגט,
ווי גייט עס אים, געגלעט די קינדער אויפן קאפ,
פארבויגט זיך פאר דער שטילער יידענע.
א ביסל שפעטער זיינען צוגעקומען
א צוויי-דריי שכנים; מען האט זיך צעזעצט,
פאררויכערט שווארצע ליולקעס, ווי דער שטייגער.
דערנאך האט זיך דער פאסטאר שטיל צערעדט,
געצויגן מיט א ניגון ווי אין קירך,
געוויזן בקיאות אין דעם אלטן טעסטאמענט,
געמישט פון לוקאס און פון פאול מיט פסוקים
און פון אנדערע אפאסטאלן פון דער קירך,
און אויסגעלאזן מיט א שטילער פראגע:
— ווי קומט עס, וואס ער ארבעט אין דעם טאג פון רו?
דא האט דער ייד בנעימותדיק געענטפערט:
— ער איז א ייד און האלט פון אלטן גלויבן,
ווי ס'שטייט פארזאגט אין אלטן טעסטאמענט:
זעקס טעג אין וואך זאלסטו דיין ארבעט טאן,

און אינעם זיבעטן, אין טאג פון שבת,
דאן זאלסטו רוען און אים הייליקן,
צוזאמען מיט דיין קינד, דיין אקס און אייזל.
אויף דעם האט זיך דער פאסטאר שוין פארחידושט,
רחמנותדיק געשאקלט מיטן קאפ:
צי ווייסט ער ניט, אז דזשיזוס קרייסט, דער זון,
האט שוין דעם שבת אפגעשאפט די רו
און אויף זיין פלאץ געשטעלט דעם זונטיקדיקן טאג?
דא האט רחמנותדיק דער ייד געענטפערט:
— איז ניט געלערנט, ניט שטודירט אין שולן,
איז ניט בכוח צו פארפירן א דיספוט
מיט איינעם וואס איז שטארק און גרויס אין וויסן.
ער גייט בלויז אין דעם וועג פון זיינע פאטערס
און טוט ווי זיי האבן געטאן... איז דאס
דעם דינעם פאסטאר שטארק געווען געפעלן,
זיך אויפגעהויבן און געדריקט זיין האנט,
פארבויגט זיך ווידער פאר דער יידענע
און זיך אוועקגעשלייכט מיט שטילע טריט.
עס האבן זיך די שכנים אויפגעשטעלט,
געקלאפט אים אויף דער פלייצע: — גוט געזאגט!
אויף מארגן האט דער ייד באקומען צוגעשיקט
א שווערן, דיקן בייגעוודיקן ספר:
דעם אלטן מיטן נייעם טעסטאמענט —
געשיקט פון דינעם פאסטאר א געשאנק.

12

תחלה היתה להם היהודי לפלא,
והתקשו מאד לתפס דרכיו,
זר הלוכו ולשונו המזרה,
בכל ניעה וזיעה הרגש הזר
ונזדקר בעינים הזרות.
וכשהרגלו מעט במרוצת ימים
ואי אמון ראשון פג וחלף—
החלו הסתכל בו מקרוב
וראה זה פלא: הן מבחין דבר הוא,
ועין לו חודרה במה שמתהוה
ויש בפיו אמרה הולמה ומתאימה,
זרה וגם קרובה, על כל דבר.
אדם כשאר בני האדם: עמל,
עושה לילות כימים, ומגבב
שברי ברזל, סחבות ועצמות—
ועוד ממציא מחיה לזולתו.
אלא שנתחבטו בשאלה קשה:
איך זה אדם עמל ביום ראשון?
ופעם אחת, ביום נאה, הופיע
על החצר מוכיח העדה—
מנמס, בת־צחוק טובה לו על שפתיו,
כשידיו מקפלות לאחוריו,
שאל לשלום היהודי, לטף
את שני הילדים על ראשיהם,
נענע ראשו בפני היהודיה.
כעבר זמן־מה נכנסו החצרה
שנים שלשה משכניו: ישבו,
וכדרכם העלו עשן במקטרותיהם.
פתח דברו מוכיח העדה
בשקט, במתינות ובנגון
ובפסוקים מפאולוס ומלוקס
ומשליחי הכנסיה האחרים:
איך זה אדם עמל ביום מנוחה?
על זה ענהו היהודי רכות:
יהודי הוא ואוחז באמונת־אבות,
כמו שכתוב בתורת משה: 'ששת ימים
תעבד ועשית כל מלאכתך, וביום
השביעי שבת, לא תעשה כל מלאכה
אתה ובנך ושורך וחמורך'.
הפתע המוכיח למשמע אלה,
הניע ראש ברחמים אחת ושתים:
אם לא ידע ולא שמע, כי המשיח
העביר את השבת ממנוחתה
ואת כסאה ירש יום הראשון?
ופה העמיד האיש פנים תמימים:
לא מחונן הוא במדע ובהשכל,
ולא לפי כחו להכנס בוכוחים
עם איש גבהו עצומותיו ממנו;
אוחז הוא בדרכי אמונת אבות
ונוהג כמנהגם. // טובו דבריו
בעיני האיש ובעיני המסבים—
הושיט לו המוכיח יד בידידות,
נענע ראשו שנית גם לאשה
ובפסיעות שקטות עזב את החצר.
עמדו וקמו השכנים על רגליהם,
חבטו לו על שכמו: יפה דברת!
ולמחרת־יום קבל היהודי
ספר כבד־משקל בכריכת עור,
הברית הישנה והחדשה גם יחד:
|| מנחה שלוחה מאת מוכיח העדה.

movement
be blatant
melted
distrust
all that is happening
suitable saying
gathers
rags
ekes out a livelihood
struggled ~~within~~
pastor
polite
folded
stroked
nodded, bowed
their pipes
St. Paul, Luke
softly
surprised
graced with
with someone greater than himself
this argument makes sense to them
= victory

ארץ־דיקסי

הֵחֵלּוּ לְהֵרָאוֹת בַּחֲצַר הַגְּרוּסְאוֹת
גִּבּוֹרֵי צַיִד מֵהַרְרֵי קֶנְטוּקִי
בְּמַגָּפַיִם גְּבֹהִים וּבְפַרְווֹת קְצָרוֹת.
הָיוּ בַּחוּרִים אֵלּוּ–דָּם וָאֵשׁ,
בַּעֲלֵי זָקָן וְתַלְתַּלִּים מְסֻתַּלְסָלִים,
רַחֲבֵי הַגֶּרֶם וְאַנְשֵׁי מִדּוֹת,
בַּחֹרֶף כְּבַקַּיִץ צְרוּבֵי שֶׁמֶשׁ,
צַלָּקוֹת חִוַּרְיָנוֹת חֲרוּתוֹת
בִּסְבַךְ שֵׂעָר לֶחָיָם וְעַל מִצְחוֹתָם;
בְּאָזְנַיִם שְׁסוּעוֹת שֶׁסַע עַל חֶצְיָמוֹ
שֶׁנִּקְרְמוּ וְנִתְאַחוּ עַל הַבְּתָרִים.
עִם קֹר רִאשׁוֹן הָיוּ בָּאִים הַלָּלוּ
עִם עֲשָׂבִים כְּסוּחִים נוֹצְצִים כַּסְפִּית
וְחַמָּה נְסוּכָה תְּלוּיָה אֲלַכְסוֹנִית
וְעֵינָהּ כִּבְלִיל הַכֶּסֶף וְהַנְּחֹשֶׁת.
בְּקַו יָשָׁר, אִישׁ אַחֲרֵי אִישׁ, דּוֹמְמִים,
מִצְנְפוֹת שֵׂעָר לְרָאשֵׁיהֶם
וְסַכִּינִים תְּקוּעִים בַּחֲגוֹרוֹתָם.
הֶהְבִּיל הַקֹּר מִנְּשִׁיפוֹת פִּיּוֹת
וּבְאֵדִים קַלִּים עָלָה לָרוּם;
מַגָּפֵיהֶם הַלְּבָנִים, לֹא נִמְשְׁחוּ עִטְרָן,
הִכּוּ, חָבְטוּ בַּקֶּרַח הַמּוּצָק,
בְּקוֹל צְעָדָה בְּטוּחָה וּקְצוּבָה,
כִּצְעֹד הַחַיָּלִים בַּמַּעֲרָכָה
לְהֹלֶם־תֹּף וְלִמְחִי־קֹבָל.
גָּלְשׁוּ מִן הַכְּתֵפוֹת, כִּתְפֵי עֲנָק,
הִבְהִיקוּ בְּאוֹרוֹ שֶׁל בֹּקֶר־חֹרֶף
עוֹרוֹת שׁוּעָל, אֲדַמִּים־זְהֻבִּים,
זוֹרְקֵי זִיקִים, וְהִתְנוֹצֵץ בִּיבָר
בְּחוּם שׁוֹטֵף וָחַם וּמִשְׁתַּפֵּךְ;
הִשְׁחִיר כְּחוֹל זֶה לַיְרוּדָה וּלְבָאֳשָׁן
וְעֵינֵיהֶם כְּגַרְגְּרֵי זְכוּכִית שְׁקוּפָה.
וְעוֹד נָדְפוּ מִדָּם וּמִשַּׁלְגֵי יְעָרוֹת–
נוֹפְפִים זַנְבוֹתֵיהֶם לְרוּחַ יוֹם
וּמְרַטְטִים וּמְפַזְּזִים כְּמוֹ חַיִּים.

כָּל אֵלֶּה יָד וָשֵׁם לָהֶם בַּגִּבּוֹרִים
בְּמִלְחֶמֶת הָאַחִים, עֲקֻבַּת דָּם,
בִּזְרוֹעַ חֲזָקָה וּבְעַיִן בְּהִירָה–
יוֹרִים אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִיאוּ.
הָיָה כְּפֶשַׂע בֵּינוֹתָם וּבֵין
הַנִּצָּחוֹן מוּל שַׁעֲרֵי וַשִּׁינְגְטוֹן.
שָׁתַת דָּמָם בֵּין שְׂרִידֵי צִבְאוֹת לִי
כְּשֶׁהֵחֵל לְהִסּוֹג עַל עֲקֵבָיו;
מֵהֶם–עָמְדָה רַגְלָם עַל מַשּׁוּאוֹת
אוֹרְלִינְס הַחֲדָשָׁה, אַטְלַנְטָה וְקוֹלוּמְבִּיָה.
וְעוֹד זִכְרָן הִבְהֵב בְּלִבּוֹתָם
כְּהַבְהֵב אֵשׁ מִתַּחַת פִּיחַ־אֵפֶר.
עָצוּר הָיָה בְּזִכְרוֹנָם יוֹם רִיצְ'מוֹנְד
וּדְמוּת דְּיוֹקְנוֹ הָאֲצִילָה שֶׁל לִי
וְקוֹל בִּכְיָם שֶׁל חַיָּלִים זְקֵנִים,
בְּמַדֵּי שְׂרָד בָּלִים, מְנֻקְּבֵי־כַדּוּר,
הָמָה וַיִּתְיַפַּח בְּאָזְנֵיהֶם.

אַךְ בְּדָמָם תָּסְסוּ עוֹד הַנְּעוּרִים,
וְעִם זֶמֶר מִסְחָר הָיוּ הַנְּעָרִים
מִתְכַּנְּסִים לְפִנַּת גֹּרֶן רְחוֹקָה,
לִמְקוֹם יָקַד תַּנּוּר־בַּרְזֶל מְלֻבָּן,
נוֹשֵׁף בְּחֹם אָדֹם וּמַבְעֵבַע.
שׁוֹלְפִים מִשּׁוֹק מַגָּף בַּקְבּוּק שָׁטוּחַ
בְּיֵין הַשָּׂרוּף, יוֹקֵד בְּלַבְנוּנִית אִשּׁוֹ.

דיקסי־לאַנד

עס האָבן זיך גענומען ווײַזן אינעם הויף
די מעכטיקע געשיקטע יעגערס פֿון די בערג
אין הויכע שטיוול און די קורצע פּעלצן.

דאָס זײַנען געווען יונגע — גלוט און בלוט,
מיט יונגע קרײַזלדיקע בערד און לאָקן,
ברייטביינערדיק, און הויך, און שטאַרק געוואַקסן,
איןווינטער ווי אין זומער ברוין פֿון זון,
מיט ווײַסע, טיפֿע, אײַנגעקאַרבטע שראַמען
אין וואַלדיק האָר פֿון באַק, אויף בלאַסע שטערנס,
מיט אויערן צעשפּאָלטענע אין העלפֿט,
און ווידער שטיק אויף שטיק צונויפֿגעוואַקסן.
זיי פֿלעגן קומען מיט די ערשטע פֿרעסטלעך,
ווען טויטע גראָזן גלאַנצן זילבערדיק
און ס'הענגט אַראָפּ אַ נידעריקע זון,
האַלב זילבערן, האַלב קופּערן, האַלב קרום,
פֿון ניט קיין הויכן מילכיק ווײַסן הימל
שערענגעסווײַז, מאַן הינטער מאַן, אַנטשוויגענע,
מיט שווערע פֿוטער־היטלען אויף די קעפּ,
מיט אָנגעשטעקטע מעסערס אין די גאַרטלען;
און פֿון די מײַלער האָט געהויכט מיט וואָלקנדלעך
פֿון דינעם ווײַסן פֿראָסט אין שטײַפֿער לופֿט;
די גראָבע ווײַסע שטיוול ניט געשמירט,
זיי האָבן אין דעם קערנדיקן אײַז
געשלאָגן ריטמיש, אויסגעקלונגען טאַקט,
ווי עס מאַרשירן זעלנערס צו אַ קריג,
מיט קלאַפּן פֿונעם פּויק אין דראָבנעם שרויט.
פֿון אַקסלען האָבן בונט אַראָפּגעהאַנגען,
געבליצט אין מאָרגנדיקן פֿרישן ליכט,
די גאָלדיק־רויטע שווערע פֿוקסן פֿעל
מיט וויכע האָר; דער גלאַנצנדיקער מינק
פֿון פֿליסנדיקן ברוין, וואָס גיסט זיך איבער,
די בלויע שוואַרצקייט פֿונעם ראַץ און טכויר,
מיט פֿינקל־גלעזערדיקע קײַלעכדיקע אייגלעך —
וואָס שמעקן נאָך מיט בלוט, מיט שניי, מיט וואַלד,
און באָמבלען זיך מיט די קאַלירטע עקן,
און פֿלעכטן זיך, און מישן זיך ווי לעבעדיק.

די אַלע האָבן זיך געמאַכט באַרימט,
אין בלוטיקן, אין שווערן, ברודערקריג,
מיט זייער פֿעסטער האַנט און שאַרפֿן אויג.
געהאַלטן נאָענט בײַם פֿײַערן אַ זיג
אַרום די פֿעסטונגען פֿון וואַשינגטאָן;
געבלוטיקט אין דעם מאַרש פֿון די אַרמייען,
ווען לי האָט אָנגעהויבן גיין צוריק;
גאָר פֿיל האָבן דורכגעמאַכט דעם חורבן
פֿון נײַ־אָרלינס, אַטלאַנטאַ און קאָלאָמביע,
וואָס האָט זיך נאָך געטליִעט אינעם האַרצן
ווי ס'טליִעט פֿײַער אונטער גרויען אַש.
זיי האָבן נאָך געדענקט דעם טאָג פֿון ריטשמאָנד,
דעם גרויען קאָפּ פֿון ריטערלעכן לי,
און דאָס געוויין פֿון אַלטע וועטעראַנען
מיט גרויע בערד, צעשאָסענע מונדירן,
האָט נאָך געקלונגען אין די אויערן.

נאָר ס'יונגע לעבן האָט געקאָכט אין בלוט.
און אַז געשעפֿט פֿלעגט ווערן אָפּגעטאָן,
פֿלעגט מען פֿאַרקלײַבן זיך אין ווינקל שײַער,
וווּ ס'האָט דער אַלטער אָנגעגליטער אויוון
געשפּריצט מיט רויטער שיפֿערדיקער היץ.
מען פֿלעגט אַרויסציִען פֿון ברייטע כאָלעוועס
דעם ווײַסן, שטאַרקן, ברענענדיקן בראָנפֿן.
די אויגן ווערן אויפֿגעבליצט און גרויס,
מען מעסט די כוחות און מען ראַנגלט זיך,
די לאַנגע לאָקן פֿלאַטערן צעיאָגט.

scrap-iron
hunters
external appearance
curly
-boned
scorched
°scars °° pale
hairy web
split
joined
their movements tied to the seasons
mown
diagonally
mixture of
silent
furs caps
steamed forth
clouds
with resin
solidified
rhythmic
to the sound of drums $
flowed
glowed
fox fur
mink gleamed
flowing brown...flowing
(skins) of rats and skunk
glass beads = eyes of the animals
smelled
dangle
vibrate
heroic past
drenched in blood
shoot at a hair
a hairsbreadth stood betw[een] them
and...
General Lee
beat a retreat
destruction
scorch
grey ashes
fixed
noble
worn-out uniforms
rang
barn
blaze
sparkling
bootleg
whiteness

godly

הולכות גדלות ומתרחבות עינים,
והנערים משחקים ומתאבקים —
קוצות שערם מתעופפות לרוח
ומתפרץ קול צחוק אדיר בגבורתו.
הולכים ומעלים את השכנים בחרמם:
מי איש שולח יד ב'נגדתו'
ומי אשה יורדה ללחיי בעלה;
למי סוס קל־מרוץ, ולמי מעלה יותר,
ומי חטף כלת אחר בליל נשואיה,
גזלה עם הרובה ביד; ומה במחשבתו
של החתן דנן לעשות; חורצים לשון
על צד חתן ועל צד כלה. עולה
צהלה גדולה ואדמה בקצה הגרן,
שוטפת עד לכתל הרחוק מנגד,
מעל לערמות עורות ממלחים,
מעל תלי תלים סחבות ועצמות.
ויש גם נזכרים בחרון קרבות —
מעלים על לב זכרון רעים טובים
נפלו חלל ביום עברה וזעם
באחת הפחתים אשר בשדה.
נושאים כוס אזכרה בעד נשמתם
ומצרפים גם את היהודי ללגימה.
פתוחים הלבבות בסערת־און
ושיחתם — שיחה חיה, זורמת,
מתבלה, רותחה ומרתחת.
ואיך של־לינקולן, ארך הקומה,
ארך ידים ושרוע אברים,
פניו מארכים, חורים ונרגשים,
חבוש צילינדר מתנוצץ לראשו —
נכנס לריצ'מונד ביום אחד נאה.
לא פעמון צלצל ולא תותח רעם,
ולפתע התפשטה שמועה כאש יערות,
נזרק דבור: הוא בא, הוא בא הלם!
ועיר על מתים עד יסודה הרקחה
ותהי לים רועש גועש וחמרמר
בגלי ראשים בוכים אף צוחקים;
עינים לבנות קרנו, הבהיקו,
וידים שחרות־עור אליו נמשכו
כילדים שחרים מעל לראשיהם.
ומלבב ים זה שחר מכה גלים
רתח ויתיפח נהם אפריקה;
קרעו, פשטו מעליהם את בגדיהם
ונתעוו במחול עועים, ובחולם
השחו שחוח עד לעפר חוצות;
ועד כלות נפשם הריעו בצוחה:
'ישוע! גואלי! והללויה!'
ואיך פניו, פני הנשיא החורו,
נעוו מרטט ומכלמת־כאב.
הצידים לוגמים מן הלבן־לבן
וחכלילות כובשה כל לבן עין;
הצלקות הלבנות מאדימות
ומגרונות קודחים ואדירים
תזרם ותשתפך בסאון ושאון
מנגינת דיקסי, עליזת גאוה.
בוקעה פורצה שירה, עולה בלהב
וממלאה חלל הגרן הישנה,
חובטה ומתחבטה בשחור תקרה,
ובקול ענות גבורה תגאה גאה:
הידד, הידד לדיקסי, הידד!

wrestle
blow

take...to task
his old lady
slaps
fast runner

intends to do

piles of salted skins

fierce

day of wrath
pits, ditches

to have a drink
sorrow

spiced and lively
lanky

elongated
stovepipe hat

rumor

all the people of
raging

making waves
the roar

writhed
convulsed
screamed

trembling and shame

reddishness
scars

noise
music = crucible of the above
burst forth

knock against

עס קלינגט א הייס און דונערדיק געלעכטער.
מען נעמט־ארויף די שכנים אויפן צימבל:
ווער ס'שלאגט זײַן ווײַב און ווער עס פּאטשט איר מאן,
און וועמעס פֿערד איז גוט, און וועמעס בעסער,
און ווער ס'האט וועמעס כלה צוגענומען,
אװעקגעפֿירט פֿון קירך ־אין חופּה־נאכט
מיט ביקסן אין די הענט, און וואס דער חתן
מיינט וועגן דעם צו טאן. מען וויצלט זיך
אויף חתן און אויף כלהס צד. עס שטייט
א גרויסע רויטע פֿרייד אין ווינקל שײַער,
צעגיסט זיך ביז דער קאלטער ווײַטער וואנט,
אריבער בערג מיט אײַנגעזאלצטע פֿעלן,
מיט פֿערדישן געביין און אלטער שמאטע.

א מאל דערמאנט מען זיך אין בייזן קריג:
מען רעכנט־אויס די נעמען פֿון חברים,
וואס זײַנען אויף די הענט בײַ זיי געשטארבן
אין נאסע קאלטע גריבער פֿונעם פֿעלד.
מען טרינקט לחיים זייער אנדענקען,
מען מאכט דעם ייִדן נעמען צו די ליפּן.
עס עפֿענען זיך הערצער גרויס און ברייט,
און ס'גיסט זיך ברויזנדיק א הייס געשפּרעך
מיט פֿײַער, מיט געווירץ, מיט הארץ און זעל.
און ווי אזוי דער הויכער דארער לינקאלן
מיט די צעשרויפֿטע גלידער, דארע הענט,
און מיט דעם בלאס און אויסגעצויגן פּנים,
אין הויכן גלאנציקן צילינדער־הוט,
איז אומגעריכטערהייט, פֿון קיינעם ניט דערוואַרט,
אריין אין ריטשמאנד אין א פֿײַנעם טאג:
קיין גלאק האט ניט געהילכט, קיין ביקס געקנאלט,
נאר פּלוצעם האט זיך ווי דאס ווילדפֿײַער צעשפּרייט
די שטילע בשורה: דאס איז ער, ס'איז ער.
און שטאט און גאס זײַנען פֿארפֿליצט געווארן,
זיך אויסגעגאסן אין א ווילדן ים
פֿון שווארצע, וויינענדיקע, לאכעדיקע קעפּ.
די אויגן האבן ווײַס און בליצנדיק געבלאנקט
און שווארצע הענט האבן צו אים געשטרעקט זיך
מיט קליינע נעגער־קינדער איבער קעפּ;
און פֿון דער ברוסט פֿון שווארצן ים ארויס
האט זיך געריסן דאס געברום פֿון אפֿריקע,
געריסן און געצופּט פֿון זיך די קליידער,
געבראכן זיך אין ווילדע פֿײַערדיקע טענץ,
געדרייט זיך, קאנוולסירט ביז צו דער ערד,
געשריִען אין דעם ווילדסטן עקסטאז:
— „מײַן דזשיזוס! מײַן דערלייזער! הללויה!‟
און ווי דאס פּנים פֿון דעם בלאסן אייב
האט זיך פֿארצויגן ווייטיקלעך מיט פּײַן.

די בראווע יעגערס טרינקען אויפֿגערעגט:
די אויגן נעמען זיך פֿארגיסן רויט,
די ווײַסע שראמען גליִען זיך פֿונאנדער
און פֿון די ברייטע, פֿלאמענדיקע העלדזער
הייבט־אן צו פֿליסן מעכטיק דאס געזאנג
פֿון שטאלצן מוטיק־בראַוון דיקסי־לאנד.
דאס ליד פֿליסט שטראמענדיק, און הויך, און רויט,
פֿילט־אן דעם טונקעלן, דעם אלטן שײַער,
און קלאפּט זיך אן ביז צום פֿארשווארצטן באלקן
מיט ברענענדן געשריי און פֿלאם און שטאלץ,
— „הורא, הורא, פֿאר דיקסי, הורא!‟

חורף

חצר היהודי על גרוטותיה
נשקעה כלה בשלג הכבד;
ומן הברזלים חלודה נדפה
וקר צורב הבהב בם ופעפע.
תנור־הגחלים בבית הישן
הפסק יומם וליל, אך קר שלט בו,
ועל כתליו פשטו ובצבצו
גדולי־כפור קשים, נגעי הטחב,
זורקי מרה־שחרה על סביבותם.
תמונות סבים על הכתלים החוירו
והשפתות בפיות מהדקים
הכחילו ועוו פנים מקר.
וכשהחל השלג להמס בחוץ־
החלו גם קירות הבית לטפטף
בנטפי מים עכורים־דלוחים.

ואז שכבה כבר הילדה במטת אמה
חולה, שותקה, עיניה פקוחות–
והאם המסרבלת והדמומה
היתה מטפלה בה יומם וליל.
ממלאה הבקבוקים ברותחים
בכדי לחמם רגלי הפעוטה;
נצבת ועומדת לשעות תכופות
ומסתכלה באש על גב כירים
כשהיא שועת בעמקי לבה,
תציף ותתעטף בעניה–ולפתע
יש תתנער כמחלום בבהלות,
יורקה פעמים שלש אל תוך האש
ולחישה נזרקת משפתיה הקמוצות.

הה, לא שחק לה מזלה, לפעוטה
לרדת מעלי מטת־דויה–
חרק לבה כבחריקת משור
ויקדו פניה הקטנים משלהבים;
עיניה הכחלות דלקו, להטו,
והשתפכו באור תועה, מוזר.
גו זה קטן ודל בער בשלהבתו,
יקד מלבן הסדינים באדם
כיקוד חמה עם שקיעתה מערבה
על ערבות שלג בעונת החרף.
וכאשר החל לשקע אור עיניה
ולהקרם בקרום זכוכית אטום
וגופה הדל החל להתישר
ולהתמתח בכל מלוא ארכו,
ועיפת חיים ודוי נאנחה
בכעין צפצוף אחרון, מרסק,
כצפצף צפור לפני שנתה עם ערב–
נשום נשמה עוד המטה בחם אדם
אל תוך אורו הקר והאפר של בקר.

רחץ האיש פניו, פנים דויים, במים,
החליף בגדי חלו במדי שבת,
ובצעד חרישי עזב החדר–
ובשובו לאחר שעה הביתה
ואחדים מחשובי שכניו עמו
היתה כבר גופת המתה מטהרה
ומעטפה סדין לבן ונרות דלוקים
היו למראשותיה–עמדה האם
דמומה ומתעטפה ביגון־אבלה;
וג'ק, נער זה שובב, בן רגע
הפך והיה ליענקלי מכבר;

ווינטער

דער הויף מיט ברוכוואַרג האָט זיך אײַנגעזונקען,
אײַנגעפֿרוירן מיט די אײַזנס אינעם אײַז,
און פֿון די אײַזנס האָט געשמעקט מיט ראָסט[17],

געיאָגט פֿון זיך מיט ברענענדיקער קעלט.
אין שטוב האָט טאָג ווי נאַכט געברענט דער אויוון,
נאָר ס'הויז איז אַלט געווען און קאַלט, און אומעטיק.
און ס'זײַנען אויף די ווענט אַרויסגעוואַקסן
געדיכטע, שווערע פּאַנצערן פֿון אײַז,
ווי אײַטער־פּענכערס אויף אַ קראַנקן גוף
וואָס האָבן אין דעם בלאַסן שײַן פֿון טאָג
אַ בייזע מרה־שחורה אָנגעוואָרפֿן.
די זיידעס אויף די ווענט האָבן געפֿרירט
געוואָרן בלאַסער מיט די גרויע בערד;
די אַלטע באָבעס מיט די דינע ליפּן —
זיי האָבן זיך געקרימט אין בלוי פֿון קעלט.
און אַז אין דרויסן האָט גענומען אָפּגיין,
האָט אָנגעהויבן רינען פֿון די ווענט
מיט לאַנגזאַם קריכנדיקע מוטנע טראָפּנס.

די קליינע פּערעלע אין גרויסן בעט
איז שוין געלעגן אומעטיק און שטיל,
אין גאַנצן הויט און ביין, די פּיס פֿאַרשטאַרט,
און ס'פֿלעגט די שטילע אָנגעפּעלצטע ייִדענע
דאָס זודיק' וואַסער גיסן אין די פֿלעשער,
כדי דאָס עופּהלע צו האַלטן וואַרעם.
אַ מאָל פֿלעגט זי פֿאַר גאַנצע שעהן לאַנג
זיך אומקערן צום פֿײַער אויף דער קיך,
זיך וואַרעמען די בלוילעך רויטע דאַרע הענט,
פֿאַרטראַכטן זיך, אַרײַנקוקן אין פֿײַער,
און קוקן, קוקן, קוקן — פּלוצעמדיק
זיך אויפֿכאַפּן ווי פֿון אַ בייזן חלום,
און דרײַ מאָל אינעם פֿײַער אויסשפּײַען,
און נעמען האַסטיק שעפּטשען מיט די ליפּן.
אַרויסקריכן אָבער פֿון מאַמעס בעט
איז פּערעלען שוין ניט געווען באַשערט:
דאָס הערצל האָט געכריפּעט ווי אַ זעג
און ס'האָט דאָס פּנימל געפֿלאַמט אין צונטער;
די בלויע אויגן האָבן הייס געברענט,
געגאָסן זיך אין וואַנדערנדיקן ליכט.
די בלאָנדע הערלעך האָבן אויסגעזען
ווי זאַנגען אויף אַן אָפּגעברענטן פֿעלד.
דאָס אָרעם גופֿל מיט די כרופּקע[18] ביינדלעך
האָט פֿלאַמענדיק געברענט, געברענט, געברענט,
אַרויסגעברענט פֿון בלאַסע, קאַלטע לײַלעכער,
ווי ס'ברענט־אַרויס די זון אין ווינטערפֿעלד
אויף ווײַסן שניי אין שטילן אונטערגאַנג.
און אַז דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן אויסגיין,
פֿאַרציִען זיך ווי מיט אַ הײַטל גלאָז,
און אַז די גלידער האָבן שטײַף און האַרט
זיך אויסגעצויגן אין דער פֿולער לענג,
און אַז די מידע ברוסט פֿון אָרעם קינד
האָט שוין צום לעצטן מאָל אַ שליוכץ געטאָן,
ווי ס'שליוכצט אַ פֿויגל פֿאַרן שטילן שלאָף —
האָט אַלץ נאָך פֿון דעם בעט מיט היץ געשלאָגן,
מיט רויטער היץ אין גרויען מאָרגנליכט.

האָט זיך דער טאַטע אָנגעטאָן אין בעסטן בגד,
זיך אָפּגעוואַשן דאָס צעקרימטע פּנים,
פּאַמעלעך זיך אַרויסגעשלײַכט פֿון טיר,
און אַז ער איז צוריקגעקומען שפּעטער
מיט צוויי־דרײַ אַלטע אָנגעזעענע שכנים —
איז שוין דער קליינער גוף געווען געוואַשן,
פֿאַרוויקלט אין די ווײַסע לײַלעכער,
מיט ברענענדיקע ליכט אַרום צוקאָפּנס.
די מאַמע איז געשטאַנען שווײַגנדיקערהייט,
די הענט פֿאַרקרעמפּטע אויפֿן הויכן בויך,
אָן ווערטער זיך געטרייסלט מיטן גאַנץ גוף
און זיך פֿאַרגאַנגען אין איר שטומען צער.
פֿון קליינעם שטיפֿער דזשייק — איז איבער נאַכט
צוריק דער אַלטער יאַנקעלע געוואָרן,
דאָס אָרעם ייִנגל פֿונעם ייִדיש שטעטל;

scrap iron
sank into
rust gave forth its sme
scorched and pervaded
inside/out
sprouted
ice-growths
spots of moisture
grandfathers
tightened mouths
turned blue & distorted
melt
filthy
reason for this melancholy
heavy, clumsy
boiling water
the little one
stove
cry
suddenly awake
sickbed
grating of a saw
burned
wandering light
body
like the burning sun
on snowy steppes
covered over with glass crust
straighten out
stretch out
she moaned
with a kind of last bro
en whistle
bed still breathed
quiet step
in the grief of her mourning
naughty, suddenly
of old

claim of the past

אותו יליד העירה שבמכורה,
פניו דלים, חורים ומחדדים;
אמר תהלים בקול רווי־דמעה
ורעד קולו ונתרסק בנגון בוכים.
וכאשר צעדו השכנים על המפתן
בחלל אויר נדכא של בית האבל–
הציצו עליהם בכבד־ראש חמור
דמיות סבים מעטרים זקן
ועינם חדה, נוקבה, חודרה ללב
מכתל אפלולי חרפי ולח.
דמות היגונים לאם ולאשה
וקולו של ג׳קי בנגון הזר
הטילו עליהם אימה סתומה.
גם היהודי, איש זה רם־קומה
הפך ויהי גם הוא אחר וזר,
לא זהו כלל האיש העושה בגרוטאות–
מרחק, כאותן תמונות על הכתלים,
עיניו שקועות בחריהן ואדמות,
וידיהם מאליהן נמשכו התוות
את אות הצלב.
וכאשר פתח האיש–
נטף בצער חרישי ומתאפק
מקול צרוד זה וחרד ומתרסק
ומשפתיו חורות ומרפטות;
מאצבעותיו המשחרות והנקשות
הצביע בן ודקר בחלל אויר
לאותה זוית, למקום שהילדה
היתה מוטלת על דרגש־קרשים
ואור הנר מעגל עגול בהלו
מסביב לראש הקטן והשקוף:
׳מתי לפניכם מוטל. שאלתי:
׳כברת קרקע, אחזת־קבר לילדי–
׳הן זר אנכי ביניכם היום,
׳יגמל האלהים לכם חסדו
׳כאשר גמלתוני חסד עד היום,
׳הראו נא חסדכם גם לילדי!׳
ודבריו בצליל חרד נגעו
וזעזעו נימי לבות שומעיו–אחד
מהם מחה דמעה מזוית עין,
והאחד ירד באצבעות חרדות
אל תוך ארנק־הטבק המזפת,
חפש במעמקיו, חפש ומאום לא העלה,
כשעיניו שקועות במצולותיו.
כרגע דממה עמדה בבית,
נשמע אף הבהובו של נר־הנשמה.
היהודי–וכפיו שטוחות אל על
ראשו על עיניו האדמות זקוף
והשכנים גלויי ראשים לבנים
שחים ומרכנים בפני המות.
אחר–והזקן בהם צעד קדימה,
פסע פסיעה ועמד, ענה רכות:
׳שדה הקברות פתוח לפניך,
׳ברר לך מקום במבחר שורות
׳וקבר כרה לילדך המת׳.
השח האיש ראשו בענוה
אורו מהכרת־טובה פניו
הנמיך קולו ובאמון המשיך דברו:
׳עוד בקשה לי: עצם אל עצמו,
׳וכאשר ידביקני אחרון יומי,
׳אני תפלה, כי עצמותי תנחנה
׳בינות למקרבי, שארי בשר ורוח–
׳אמנה, שונות דתינו זו מזו

native
drawn
choked with tears
cracked
threshold
depressed

bearded [portraits]
piercing
moist and wintery
figure of grief

vague fear

make the sign of the cross

with quiet, halting sorrow
hoarse

stab at

bed of planks

tableau

bent over

dig

among my own
in truth

דאס פנים בלייך, פֿאַרשפּיצט און אויסגעצויגן
געזאָגט דעם תהילים דורך פֿאַרשטיקטע טרערן,
און ס׳קולכל האָט געציטערט, זיך געוויגט
אין דעם געבראָכן יאָמערלעכן ניגון;
און אַז די שכנים זײַנען אָנגעקומען
אין דער געפּרעסטער לופֿט פֿון הויז פֿון טויט —
האָט זיי אַרומגעכאַפּט די שווערע אימה.
עס האָבן דראָענדיק אויף זיי אַראָפּגעקוקט
די גרויע בערד און פֿרעמדע, שטרענגע אויגן
פֿון פֿײַכטער ווינטערדיקער וואַנט אַרונטער.
דאָס שווײַגנדיק פֿאַרגליווערט ווייגעשטאַלט
און דזשייקיס קולכל מיטן פֿרעמדן ניגון —
זיי האָבן אָנגעוואָרפֿן אויף די געסט
אַ גרויסע אימה; און דער היכער ייִד
איז מיט אַ מאָל געוואָרן פֿרעמד און ווײַט —
ס׳איז גאָר נישט דער וואָס האַנדלט מיטן ברוכוואַרג —
אַ שטרענגער, ווי די בילדער אויף דער וואַנט,
מיט שטאַרע, טרוקענע און רויטע אויגן.
און ס׳האָבן זיך די הענט פֿון זיך אַליין געשטרעקט
צו אויסמאַכן דעם צייכן פֿונעם צלם.

און אַז דער ייִד האָט אָנגעהויבן ריידן,
האָט מיט אַ שטילן יאָמערלעכן צער
געטריפֿט פֿון האַרטן הייזעריקן קול,
פֿון די צעשפּאָלטענע און בלאַסע ליפּן,
פֿון די צעוויטיקטע און יאָושדיקע אויגן,
און פֿון די שוואַרצע און פֿאַרשטײַפֿטע פֿינגער
מיט וועלכע ער האָט אין דער לופֿט געשטאָכן
צום ווינקל צו, וווּ ס׳איז דאָס ווײַסע קינד
געלעגן אויסגעלייגט אויף ווײַסע בענקלעך
און ס׳האָט דער געלער שײַן געמאַכט אַ קרײַז
אַרום דעם קליינעם דורכזיכטיקן קעפּל:
— מײַן טויטער ליגט פֿאַר אײַך. איך זוך אַ פּלאַץ,
מײַן עופֿהלע, מײַן קליינס, מיט ערד באַשיטן.
איך בין אַ פֿרעמדער דאָ צווישן אײַך,
זאָל גאָט אײַך העלפֿן ווי איר האָט ביז הײַנט
מיר בײַגעשטאַנען אין מײַן טאָג פֿון נויט!
באַווײַזט אויך צו מײַן טויטן אײַער גנאָד,
באַוויליקט מיר אַ קבֿר פֿאַר מײַן קינד!
און זײַנע ווערטער האָבן אָנגעשלאָגן
מיט ציטערדיקן קלאַנג אין אַלע הערצער.
און איינער האָט אַ יונגע טרער פֿאַרווישט,
און איינער האָט מיט גראָבע שווערע פֿינגער
גענישטערט לאַנג אין בײַטל פֿונעם טאַבאַק,
געזוכט, געזוכט און נישט געקענט דערזוכן,
מיט אויגן טיף פֿאַרגראָבענע אין בײַטל.
אַ רגע איז געווען שטיל און טויט,
מען האָט געהערט דאָס פֿאָכען פֿון נשמה־ליכט;
דער ייִד מיט די צעשפּרייטע הענט אין לופֿט,
דער קאָפּ מיט רויטע אויגן אויפֿגעהויבן,
די שכנים מיט די בלויזע ווײַסע קעפּ,
געבויגן אין דעם אָנגעזיכט פֿון טויט.
דערנאָך האָט זיך דער עלטסטער פֿון די שכנים
אַרויסגערוקט פֿאָרויס, געבליבן שטיין,
און אויף אַ שטילן קול געענטפֿערט ווייך:
— דאָס בית־הקבֿרות־פֿעלד איז פֿאַר דיר אָפֿן,
קלײַב־אויס אַ פּלאַץ דאָרט אין די שענסטע רייען,
און גראָב אַ קבֿר פֿאַר דײַן טויטן קינד!
האָט זיך דער ייִד ענייִוותדיק פֿאַרבויגן,
זײַן פּנים האָט פֿון דאַנקבאַרקייט צעלויכט זיך,
און שטיל און צוטרוילעך גערעדט פֿון ס׳נײַ:
— איין לעצט געבעט נאָך: אייגנס צײַט צו אייגנס;
און ווען מײַן לעצטע שעה וועט אויסשלאָגן,
וואָלט איך געוואָלט, אַז מײַן געביין זאָל רוען
צווישן מײַנע אייגענע, מײַן פֿלייש און בלוט;
די גלויבנס אונדזערע זײַנען פֿאַרשיידן

מערת המכפלה

׳אַךְ הֵן עָפָר כֻּלָּנוּ מֵעָפָר אֶחָד
׳וְכֻלָּנוּ מַאֲמִינִים בְּאֵל אֶחָד
׳וֵאלֹהִים יָשִׁיב לָכֶם כִּגְמוּל יְדְכֶם.
׳בַּקָּשָׁתִי: כִּבְרַת קַרְקַע מְיֻחֶדֶת לִי
׳לְחַדֵּשׁ בָּהּ בֵּית־קְבָרוֹת לְמִשְׁפַּחְתִּי,
׳וְאִם יָמִים נָכוֹנוּ לִי בֵּינוֹתֵיכֶם
׳אֶפְרַע לָכֶם חוֹב זֶה בִּמְלוֹאוֹ׳.
וּדְמָעוֹת חַמּוֹת הֵקֵרוּ מִמְּקוֹרָן
נָזְלוּ מֵעֵינָיו הָאֲדֻמּוֹת דְּווּיוֹת,
נִשְׁתַּרְבְּבוּ בְּקִמְטֵי פָּנָיו, שְׂפָתָיו,
וְנֶעֶלְמוּ בִּסְבַךְ שַׂעֲרוֹת זָקָן.

וְכַאֲשֶׁר חָצַב הַקֶּבֶר הַקָּטָן
בַּקֶּרַח הַכָּבֵד שֶׁל אֲדָמָה חָרְפִּית
בְּאוֹתָהּ גִּבְעָה הַמְיֻחֶדֶת לוֹ –
פָּסַק מַעְיַן דְּמָעָיו וְעָמַד
וְשׁוּב נִצַּת בְּעֵינָיו זִיק חַד.
וְכַאֲשֶׁר הוֹרִיד אֶת יַלְדָּתוֹ הַבְּכוֹרָה
וְרִאשׁוֹנֵי רִגְבֵי עָפָר צְהֻבִּים
נָפְלוּ וְהִתְדַּפְּקוּ בַּקְּרָשִׁים הַלְּבָנִים
בַּחֲבָטָה קְפוּאָה וַעֲמוּמָה
וְהִדְהֲדָה בַּדּוּמִיָּה שֶׁמִּסָּבִיב –
אוֹ־אָז נֵעוֹרָה הָאִשָּׁה מִקִּפְאוֹנָהּ.
עִם כָּל שְׁפִיכַת־עָפָר שֶׁל הַמַּעְדֵּר
הִתְנוֹעֲעָה בִּמְלוֹא גּוּפָהּ, פִּרְפְּרָה,
מְקוֹר דִּמְעוֹתֶיהָ נִפְתַּח לִרְוָחָה
וְקוֹלָהּ הַנֶּחֱנָק קָם לִתְחִיָּה –
סְלִיחָה וּמְחִילָה מִיַּלְדָּתָהּ בִּקְּשָׁה
בְּהַכּוֹתָהּ בְּאֶגְרוֹפָהּ עַל לְבָבָהּ:
׳הָהּ, רוּצִי, יַלְדָּתִי׳ – מָרַת נַפְשָׁהּ שָׁפְכָה –
׳וְהִשְׁתַּטַּחְתִּי לִפְנֵי אִמָּהוֹת עוֹלָם,
׳סַפְּרִי לָהֶן מִקְּשִׁי חַיֵּינוּ הַמָּרִים,
׳בַּקְּשִׁי רַחֲמִים שֶׁתַּמְלֵצְנָה בַּעֲדֵנוּ
׳לִפְנֵי שׁוֹכֵן מָרוֹם, כִּי יַעֲנְקֶלִי יִגְדַּל
׳וִיהֶיֶה יְהוּדִי, וְכִי אָבִיךְ וְאִמֵּךְ
לֹא יֵדְעוּ צַעַר וְיָגוֹן וּשְׁכוֹל׳.
וְהָיָה הַקֶּבֶר מִתְמַלֵּא מֵחֻלְיָתוֹ
עָפָר צָהֹב עַד לִגְדוֹתָיו הַלְּבָנוֹת;
וְלָבָן וְדוֹמֵם הִשְׂתָּרֵעַ מִסָּבִיב
שְׂדֵה הַקְּבָרוֹת הַזָּר רְפוּד שְׁלָגִים
וְגַלִּים זְרוּעִים גַּם כֹּה גַּם שָׁם הִלְבִּינוּ
וְלִמְרַאֲשׁוֹתָם צְלָבִים בְּכִפּוֹר זְכוּכִית.
וְשִׂיחֵי־מַחַט יְרֻקִּים־כֵּהִים
נִצְטוֹפְפוּ קְפוּאִים בִּירַקּוּתָם בַּשֶּׁלֶג.
וּמֵעַל לְגֵאָיוֹת וְלִגְבָעוֹת כְּחֻלִּים,
וְעַל מִשְׁטָחָן שֶׁל בְּרֵכוֹת קֶרַח יְרֻקּוֹת
תְּלוּיִים הָיוּ בְּאֵמוּן וּבְרַחֲמִים
שְׁמֵי חֹרֶף רְחוֹקִים־קְרוֹבִים
וְאוֹר וְרַדְרַד נָח עַל הַשֶּׁלֶג הַטָּהוֹר
אוֹר שֶׁמֶשׁ־עֶרֶב צוֹנֵנָה, חָרְפִּית.

דאָך אַלע זײַנען שטויב פֿון זעלבן שטויב,
און אַלע דינען מיר צום זעלבן גאָט,
און גאָט וועט אײַך באַלוינען פֿאַר דעם חסד.
איך בעט אַן אָפּגעזונדערט שטיקל פּלאַץ,
מײַן אייגענעם בית־עולם צו באַנײַען;
און אויב ס'איז מיר באַשערט נאָך יאָרן דאָ
וועל איך אײַך אָפּצאָלן דעם גרויסן חוב.
און הייסע טרערן האָבן זיך צעלאָזט,
געפֿלאָסן פֿון די ווייטיקלעכע אויגן,
פֿאַרקראָכן אין די קנייטשן פֿון די ליפּן,
פֿאַרלוירן זיך אין טיפֿן האָר פֿון באָרד.
און אַז ער האָט געהאַקט דעם קליינעם קבֿר
דורך שווערן אײַז און ווינטערדיקער ערד
אין אָפּגעלייגטן בערגל פֿונעם פֿעלד,
האָט זיך דער קוואַל פֿון טרערן אָפּגעשטעלט

און ס'האָבן זײַנע אויגן אָנגענומען
צוריק דעם טרוקענעם און שאַרפֿן גלאַנץ.
און אַז ער האָט דאָס קינד אַראָפּגעלאָזט
אין דער געפֿרוירענער און געלער גרוב,
און ערשטע, געלע, האַרטע גרודעס האָבן
גענומען פֿאַלן אויף די ווײַסע ברעטלעך
מיט אַ געפֿרוירענעם און דומפּן קלאַנג
אין ווײַסער קאַלטער שטילקייט וואָס אַרום —
ערשט דעמאָלט איז די פֿרוי צו זיך געקומען;
מיט יעדן נײַעם שאָט פֿון ערד האָט זי
געטרייסלט זיך פֿאָרויס אַריבער גרוב,
איר קוואַל פֿון טרערן האָט זיך אויפֿגעעפֿנט
און דאָס פֿאַרפֿרוירן קול האָט אויפֿגעלעבט,
געריסן זיך אין גרוב אַרײַן מיט טרערן.
זי האָט מחילה בײַ איר קינד געבעטן
און זיך געשלאָגן אויפֿן פֿלאַכן האַרצן.
— לויף, קינד מײַנס, לויף! — האָט זי איר האַרץ געגאָסן —
און מי זיך פֿאַר די הייליקע אמהות.
דערצייל זיי פֿון דעם ביטערן און שווערן לעבן,
און בעט, זיי זאָלן מיִען זיך פֿאַר אונדז:
אַז יאַנקעלע זאָל אויסוואַקסן און זײַן אַ ייִד,
אַז ס'זאָלן מער דײַן טאַטע און דײַן מאַמע
ניט וויסן שוין פֿון צער און בייז און אומגליק.
און ס'האָט די גרוב אַלץ מער זיך אָנגעפֿולט,
זיך אָנגעשאָטן ביז די ווײַסע ראַנדן,
און ס'האָט אַרום געשפּרייט זיך ווײַט און שטיל
דאָס פֿרעמדע פֿעלד אין אויסגעבעטן שניי
מיט קליינע, ווײַסע בערגלעך דאָ און דאָרט,
מיט אָנגעגלאָזטע צלמים בײַ צוקאָפּנס,

מיט גרינע נאָדלדיקע יעגלע 19־בימלעך
וואָס לײַכטן קאַלט מיט טיפֿן גרין און שניי.
און איבער ווײַסע בערג און בלויע טאָלן,
און איבער גרינע אָזיערעס מיט אײַז,
איז שטיל און צוטרוילעך געווען צעהאַנגען
אַ נאָענטער און אַ ווײַטער ווינטער־הימל
מיט בלויע פּאַסן צווישן ווײַסע וואָלקנס,
מיט ראָזיקע סימנים אויפֿן שניי
פֿון קאַלטער ווינטערדיקער אָונטזון.

extended into the crease

hewn
wintery

well of tears
a penetrating spark

echo
only then
digger
trembled

fist

stretching

needle bushes

surface

rosy

cycle of nature || human cycle = mythic